# צוועלף בריוו פֿון שלמה בירנבוים

הערה: אָטאָ די צוועלף בריוו האָט שלמה בירנבוים ז״ל פֿון טאָראָנטאָ געשיקט הירשע־דוד קאַצן, פֿריער אין לאָנדאָן, דערנאָך אין אָקספֿאָרד, אין משך פֿון די יאָרן 1979-1986. די אָריגינאַלן געפֿינען זיך אינעם מעינקע קאַץ אַרכיוו אין אָקספֿאָרד.

די ערשטע דריי בריוו זײַנען געשריבן מיט דער האַנט, די איבעריקע זײַנען אָפּגעקלאַפּט אויף אַ שרײַבמאַשינקע. מיר ברענגען די בריוו מיט דער אָרטאָגראַפֿיע מיט וועלכער זיי זײַנען געשריבן. להיפּוך צו זײַנע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, וואָס ער האָט צוגעגרייט צום דרוק מיט אַ פֿולער סיסטעם נקודות, האָט ער די־אָ בריוו געשריבן כמעט אינגאַנצן אָ ן נקודות.

די הערות צו די בריוו האָט צוגעגעבן הירשע־דוד קאַץ.

— רעד.

1

כ״ו באלול תשל״ט

חשובער דוד קאַץ,

ש־כוח פאר אייער בריוו פון כ״א באב.

אינטעריסאנט טאקי, וואס איר האט גיוואוינט אינים גרויסן לאנדאן פונקט לעבן אונדזער פֿריערדיק הויז[1].

ביי וועמין שרייבט איר אייער דיסערטאציע?

איר זענט מן־הסתם א גיבוירינער אמעריקאנער, איז פאר וואס זענט איר גיפארן קיין לאנדאן? איר וועט מן־הסתם נישט בלייבן אין ענגלאנד.

1. צווישן 1975 און 1977 האָב איך אין פֿאַרשידענע פֿעריאָדן געוואוינט אויפֿן בוידעמשטיבל ביים לאָנדאָנער ייִדישן שרייבער י. א. ליסקי (זע אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 277-282), וועלכער האָט געוואוינט אין 13 Carysfort Road, London N16. שלמה בירנבוימס לאַנגיאָריקער באַקאַנטער לאָנדאָנער אַדרעס איז געווען 9 Carysfort Road.

ווי אזוי קומט איר צו יידיש? גיהערט אפשר קינדווייז אין דער היים? אייערע טאטע־מאמע זענין שוין אויך גיבוירינע אמעריקאנער?

ביי וועמין שרייבט איר אייער דיסערטאציע?

וועגן מיין בוך[2]: ס־איז ערשט פארטיק גיווארן מיט דריי טעג צוריק. דער דרוקער האט קודם גיזאגט: איין יאר, און צום סוף איז גיווארן צוויי (זעצן). דערנאך דרוקן און איין בינדן, איז גיווארן צוויי־און־א־האלב. דער מענטש פון דער MUP ווייסט נישט, וואס ביי זיי טוט זיך, זיי האבן שוין לאנג איבער גינומין די רעפרעזענטאציע פון מיין בוך פאר דער UTP (פאר ענגלאנד)[3]. מיין בוך וועט זיך מן־הסתם באלד ווייזן אין די ביכער־גיוועלבער, און דערווייל קען מין עס אוים שרייבן. איך קען עס נישט פארקויפן.

א שיינים דאנק אייך פאר אייער ארביט[4]. מאלט אייך, די טעמע איז גאר אינטעריסאנט פאר מיר. דאס האט דאך א

2. עם רעדט זיך וועגן Solomon A. Birnbaum, *Yiddish: A Survey and a Grammar*, וואָס איז אַרויס אין 1979 (Manchester University Press און University of Toronto Press).

3. אויף מײַנע אָנפֿרעגן וועגן דעם בוך ביים Manchester University Press, האָט מען דעמאָלט געענטפֿערט אַז מ׳ווייס ניט דערוועגן; אַ קאָפּיע פֿון אַ בריוו פֿון 4טן אַפּריל 1979, וואו מ׳האָט געזאָגט אַז מ׳ווייס ניט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַזאַ בוך, האָב איך געהאַט געשיקט בירנבוימען. די זאַך איז באַלד נאָכדעם אויפֿגעקלערט געוואָרן און דאָס בוך איז געווען צום קויפֿן אויך אין ענגלאַנד. UTP הייסט University of Toronto Press, דער קאַנאַדער אַרויסגעבער פֿון באַנד.

4. איך האָב בירנבוימען צוגעשיקט דעם מימעאָגראַפֿירטן טעקסט פֿון מײַן רעפֿעראַט, „דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים” וואָס איך האָב צוגעגרייט צו דער „ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָקספֿאָרד”, אויגוסט 1979, וואָס איז (אין ייִדישן אָריגינאַל) פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט אין 1991 (אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 17-95).

שייכות צו מיין אייגינער דיסערטאציע[5]. ווי באלד איך וועל נאר קענין, וועל איך לייענען אייער רעפֿעראט און אייך שרייבן.

מיט די בעסטע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

**2**

ט"ו חשוון תש"מ

ליבער דוד כ"ץ

א דאנק פאר אייער בריוו פון כ"ד תשרי. אייערע ידיעות זענין מיר גיוועזן אינטערעסאנט. די נעמין פון אייערע בעלי־יועצים קען איך נישט[6]. איך בין דאך שוין א היפשע צייט נישט אין לאנדאן. איך פלעג אפי' זיין אין U.C.[7], אבער נאר אף לעקציעס. מיין ווייב איז מיידלווייז דארטן גיוועזן א שטודענטקע. — אז עס גיפעלט אייך בעסער צו וואוינין אין לאנדאן ווי אין ניו־יארק, פארשטיי איך זייער גוט.

כ׳האב שוין גיוואוסט וועגן אייך נאך פאר אייער ערשטן בריוו. מיינס אן אייניקל אין לאנדאן האט מיר גישריבן, אז זי איז גיוועזן ביי א לעקציע וועגן יידיש און האט מיר גישיקט א יאפאנישע קסעראקאפיע, וואס איר האט צוטיילט[8].

איר ווילט, איך זאל אייך עפּיס זאגן וועגן אייער קעימברידזשער רעפֿעראט[9]. בין איך אבער זייער טרוד און קען נישט ארום רעדן אלע ענינים און פרטים, וואס איך וואלט גיוואלט. פון דעסט וועגן וויל איך אייך דא שיקן א פאר נאטיצן.

ז' 10: „די טעקסטן־טעאָריע" „איז אנגענומען ביי אונדזערע בעסטע פילאלאגן"[10]. אזוי ווי איך בין א פילאלאג פון יידיש — צי א גוטער צי נישט — קען איך אייך זאגן, אז ביי מיר איז זי נישט אָן גינומין.

איך וויים נישט, ווען און וואו איך האב דאס ערשטע מאל גידרוקט, אז דער סעמיטישער עלימענט איז גיווען אין יידיש פון סאמע אן־הייב אן. אין 1934 האב איך עס גיזאגט אין א לעקציע אין לאנדאנער אוניווערסיטעט. איר קענט דאס היינט גיפֿינין אף ז' 58 פון מיין בוך; זעט אויך ז' 107, הערה 6 און זייט 112 א"וו: Appendix 2. אין תוך אריין איז עס שוין גידרונגין פון מיין Übersicht, ווייל דארטן זעט זיך דאך קלאר דער פאראלעליזם מיט די נישט־סעמיטישע עלימענטן, און דאס הייסט, אז זיי וואקסן אלע דריי פון דער זעלבער צייט. כ׳האב אלע מאל אן גיוויזן אף אט דעם פאראלעליזם.

יא, יידיש איז גיבוירן גיווארן מיטן פארטיקן סעמיטישן עלימענט. אבער דאס הייסט דאך נישט, אז קיין נייע ווערטער האבן נישט גיקענט צו קומין שפעטער. דאס לייגט זיך נישט אפן שֵׂכל. לשון שטייט קיין מאל נישט אף אן ארט. און אחוץ לאגיק האבן מיר אויך פאקטן: פאראן ווערטער, וואס זענין אין יידיש אוים גיוואקסן לאנג נאך דער גמרא.

ז' 25 א"וו: נישטא פאר וואס מע דארף זאגן, לויט דער „ירושה־טעאריע", אז דער סעמיטישער עלימענט האט זיך גימוזט פארקלענערן[11]. די ווערטער, וואס מע גיפינט ביי קריסטלעכע גילערנטע פון 18טן הונדערט יארן, זענין בשום אופן נישט קיין ראי'. א „ספינהר, פתח, פתחנער, גדול נחשב (!), גדולער" אא"וו זענין מער ווי חשוד. ביי מיר איז נישטא קיין שום ספק, אז דאס זענין קיין מאל נישט גיווען קיין ווערטער אין מערב־יידיש, און ווער שמועסט מיזרח־יידיש, אפילו אינים פארשטעלטן און אינים גנבים־לשון. כ׳האב דאך נאך גיהערט רעשטלעך פון מערב־יידיש, אבער אזוינס האב איך קיין מאל נישט גיהערט. „אַכלין, שַתקינין" וכו' — דאס יא, אבער מיטן זעלבן טעם — אייער „מארגינאלן מעמד" — פונקט ווי

5. עס רעדט זיך וועגן: Salomo Birnbaum aus Wien, *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache. Inauguraldissertation verfaßt und der philosophischen Fakultät der bayer. Julius-Maximilians-Universität Würzburg zur Erlangung der philosoph. Doktorwürde vorgelegt am 10. Juni 1921*, Zahn & Baendel: Kirchhain N.-L. 1922. אין זעלבן יאָר איז עס דערשינען בלויז מיטן הויפּט טיטל: *Das hebräische und aramäische Element in der Jiddischen Sprache* ביים Verlag von Gustav Engel אין לייפּציג.

6. די בעלי־יועצים פון מיין דאָקטאָר דיסערטאַציע אין University College London ביים לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, זיינען געווען — זיי צו לאַנגע יאָר — רפאל הלוי (Raphael Loewe), שמעון אַבראַמסקי (Chimen Abramsky) און ריטשאַרד האָדסאָן (Richard A. Hudson).

7. University College, דאָס זעלבע וואָס UCL = University College London.

8. איןף מיינע לעקציעס וועגן דער יידישער שפּראַך, פלעג איך אויסטיילן זאַמלונגען פון פאָטאָקאָפּיעס, און צווישן זיי האָט זיך תמיד געפונען אַן אויסצוג פון קאַזוּאָ אועדאַ׳ס יאַפּאַנעזישער גראַמאַטיק פון יידיש.

9. געמיינט: אָקספאָרדער רעפעראַט.

10. זע איצט אין אָקספּאָרדער יידיש 2, זז. 19-22.

11. זע איצט אין אָקספּאָרדער יידיש 2, זז. 30-33.

היינט בײַן אונדז. מע דארף דרינגין פארקערט: אז מיר האבן נישט קיין „ספינהר" אא"וו, הייסט עס, אז זיי זענין אויך נישט גיווען אין מערב־יידיש.

קריסטלעכע גילערנטע האבן אפנים אוים גיפרעגט זייערע יידישע אינפארמאנטן — פשוטע מענטשן און מן־הסתם עם־הארצים נאך דערצו (צו רבנים זענין זיי דאך נישט גיגאנגין): ווי הייסט Schiffer ? האט דער ייד גימיינט, דער אדון וויל הערן עפים לשון־קודש, האט ער גיקלערט „שיפֿער" איז „שיף+ער" און גימאכט „ספינה+ער"; אא"וו[12].

ז' 61: אגב אורחא: „דרום־מזרח יידיש און צפון־מזרח יידיש ej": נײַן, אין דרום איז [ɛj] אין צפון איז [ej]. א שלעכטע פאנעטיק האט גורם גיווען א שלעכטע טראנסקריפציע — איז גיווארן א מיזרחדיקע העלפט פון מיזרח־יידיש, כאטש אלע אנדערע סימנים האט דער דרום דאך בשותפות מיטן „פוילישן" דיאלעקט. אז דער דרום־מזרח האט בלויז קורצע וואקאלן איז ביי מיר א ספק. אוריאל ווײַנרייכס אן ארטיקל און דער סאוויעטישער „שפראך־אטלאס" מיט א טעותדיקן מיטאד און אן אומפינקטלעכער נאטאציע, איז נישט גינוג, אף צו פסקינין[13].

12. זע אין אָקספֿאָרדער יידיש 2, ז. 33, און אין דעם נאָכוואָרט פון 1991, ז. 81, און דער עיקר, די תיקונים צו V§ אויף זז. 84-85. בירנבוים האָט מיר דער ערשטער אויפגעוויזן אויף מיין פעלער. קלאָר אַז דאָס זיינען נ י ט געווען קיין טאָגטעגלעכע ווערטער. איך האַלט זיך אָבער יאָ ביים תיקון־טעות (דאָרטן, ז. 85), אַז דאָס זיינען עלעמענטן פונעם געהיים־לשון, פונעם „דברענען דער ערל זאָל ניט מבין בלשון זיין", און נ י ט קיין האַנט־געמאַכטע צוקלערעכצער אויף צופרידנצושטעלן אַ קריסטלעכן אויספרעגער. די גרויסע מערהייט פון די קאָמפּילאַטאָרן האָבן אויסגעצייכנט געקענט דאָס לשון פון די נידעריקסטע שיכטן פון מערב יידיש ריידנדיקן יידנטום, ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזן באָראָכאָוו (זע זיינע באַמערקונגען ביי באָראָכאָוו 55, זז. 11-12 אין ניגערס פּנקס, ז. 86 אין מייזילס אויסגאַבע). וואָס דאַרף מען נאָך, אַז די קאָמפּילאַטאָרן װעגן װעמען עס גייט די רייד זיינען געװען מערסטנטייל משומדים וואָס האָבן דאָס לשון גוט געקענט פון דער היים. אַווע־לאַלעמאַן האָט זיי באַצייכנט מיטן נאָמען: Meschummodim (III, ז. 230) נאָך אין 1862. צו דער מעטאָדאָלאָגיע: ביים אָפּשאַצן אַזעלכן ניט איז וואָרט, דאַרף מען נאָכקאָנטראָלירן צי טרעפט מען עס ניט אין פ אַ ר ש י ד ע נ ע ווערטערביכער, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע ערטער און צייטן. וואָס מער אויפוויזן, אַלץ קלענער די סכנה פון אָננעמען צוקלערעכצער פאַר גוטע מטבעות. אונדזער מערבדיקע לעקסיקאָלאָגיע וואַרט נאָך אויף איר גואל.

13. ווענן דער וואָקאַלישער איכות פון דרום־מזרחדיקן

ז' 62: „קיין איינעם איז אבער נישט געראטן אויפצואווייזן אז אין דער עלטסטער תקופה פון יידיש איז דער קמץ געווען א געקיילעכטער": אויב די תקופה פון פאר 1266 (דאס עלטסטע יאר, וואס איך האב גיברענגט) איז די תקופה, וואס איר מיינט, איז טאקי נישטא קיין מאטריאל.

ס־איז מיר „נישט גיראטן" — אבער כ־האב דאך גאר נישט גירעט וועגן דעם, אין מיין נאטיץ. אבער פון 1266 און ווייטער איז קמץ בלי ספק גיקיילעכט. מיין האב איך נישט גיוואלט ווייזן[14].

ז' 63: ווייטער צו ז' 61: מיין יידיש וואקסט פון

וואָקאַל אין גיין, שטיין, פּסח וכו' (די דיאַפּאָנעם 22\24), זע ביי מ. ווײַנרייך אין יאָפּע בוך (1958, ז. 164, הערה 11). ווײַנרייך נעמט אָן בירנבוימס דיפערענצירונג צווישן צפון־מזרח און דרום־מזרח ביי אָט דעם פּרט. צום באַדויערן מאַכט דער שפּראַך און קולטור אַטלאַס (1992, מאַפּעס 23-24) פּתח־שין־שאַ דערוועגן, נאָר האָפּנטלעך וועט מען קענען פון די טאַשמעס גופא די זאַך דערגיין. וועגן לענג פון די וואָקאַלן אין דרום־מזרח יידיש, איז בירנבוים ווייטער געדעכט. מ'האָט צופיל אָנגעווענדט „סטרוקטוראַליסטישע קונצן" דעם קאָנטראַסט צווישן זון 'שמש' און זון 'בן' צו באַשרייבן דורך „כמות" אין גאַנץ צענטראַל־מזרח יידיש (zīn – zin), ד.ה. ביים שילדערן אַ „דיאַלעקט וואָס היט אויף וואָקאַלישע לענג"; — און דורך „איכות" אין דרום־מזרח יידיש (zin – zɪn), וואו מ'האָט געוואָלט אַ „סטרוקטוראַליסטיש קאָנסעקווענט בילד" פון אַ דיאַלעקט וואָס האָט אָנגעוואָרן וואָקאַלישע לענג ווי אַ מבחינדיקן שטריך.

און בכלל גענומען, איז בירנבוימס צפונדיק — דרומדיק איינטיילונג (לויט „בירנבוימס סימן": דער וואָקאַל אין בלאָזן, זאָגן, נשמה) אָן אַ שיעור מער אָנגעמאָסטן אויף מזרח יידיש איידער פּרילוצקים סימן (פליישׁ, קליין) וואָס „פּאַקט" גאָר אַריין דרום־מזרח מיט צפון־מזרח אויפן סמך פון איין איסאָגלאָס, איגנאָרירנדיק אַז די צוויי דרומדיקע דיאַלעקטן גייען צוזאַמען ביי אַזויפל פונקטן.

בירנבוים האָט אָבער אויך, דאַכט זיך, מגזם געווען, ווען ער האָט געהאַלטן אַז „אַלע אַנדערע סימנים האָט דער דרום דאָך בשותפות מיטן 'פוילישן' דיאַלעקט". אַז מ'זאָל אויסן לאָזן אינדזעלעך מיט פאַרוואָרפענע יוצא־דופנדיקע רעשטלעך, בלייבט אַז אַ גאַנצע ריי שטריכן געהערן טאַקע דרום־מזרח יידיש: דער איבערגאַנג a > ɔ („טאָטע־מאָמע לשון"), דער איבערגאַנג ej \ ē < i (די יידן וואָס „ריידן אויפן חיריק"), די ספּעציפישע השפּעה פון /r/ אויפן פריערדיקן וואָקאַל (זע מ. ווײַנרייך, געשיכטע, II, ז. 367).

14. זע איצט אין אָקספֿאָרדער יידיש 2, זז. 55-56; פגל. בירנבוימס אַרבעט אין ייוואָ בלעטער 1 (1931), זז. 147-149. זיינע דוגמאות פון פ אַ ר ן זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען לויט מיין איינזען פּראָבלעמאַטישע, ווייל דאָס זיינען פאַלן וואָס לאָזן זיך אויסטייטשן ווי קמץ קטן וואו דער פאַרבייט פון קמץ דורך חולם איז אַ גראַפישער, ניט קיין פאָנעטישער (דער טיפּ ובותבינו, זכרינו, והותמינו).

טשערנאוויץ, וואס איז אין דער דרום=מיזרחדיקער טעריטאריע, אזוי ווי אין שכינותדיקן טייל פון גאליציע, און דארטן האבן מיר בפירוש גיהאט לאנגע וואקאלן, אזוי ווי אין צענטראל=יידיש[15].

האט איר גיפועלט אין פלעטבוש, האט מין אריין גינומין יידיש צווישן די לימודים?[16]

איז דאס א ישיבה אף א האלבן טאג? און אייער לעקציע איז גיווען, אף וויפל איך גידענק, אין לאנדאנער „עזרא” — הייסן די צוויי זאכן, אז איר זענט א שומר מיצוות?

מיט די בעסטע גרוסן

אייער

שלמה בירנבוים

(3)

י״ג בשבט תש״ם

ליבער דוד קאץ,

איך דאנק אייך פאר די צוויי בריוו, פון כ״א כיסליוו און ח׳ טיבת. כ=האב מיך זייער גיפרייט מיט אייערע שיינע ווערטער וועגן מיין בוך, נישט גלאט, ווייל דאס זענין שבחים, נאר ווייל זיי קומין פון עמיצן, וואס פארשטייט, וואס דא טוט זיך.

אצינד וועגן אייער ערשטן בריוו.

טעקסטן=טעאריע: פון מיינע ווערטער אין GRM זעט זיך באשיימפערלעך, אז סעמיטיש איז פון אן=הייב אן גיווען אן עלימענט פון יידיש, מער נישט, ער איז נישט תומ״י גיווען in vollem Umfang, נאר ער האט זיך פאר=שטארקט אינים משך פון הונדערטער יארן[17]. אזוי טראגט אויך אוים דער שיכל, לינגוויסטישע שינויים איז דאך א מעשה בכל יום. מע דארף באקלערן, ווי טיף און טאקי ווי ברייט דאס לערנין איז גיווען א טייל פון אשכנזישן לעבן. ס=איז דאך נישט מעגלעך, צו זאגן, אז דער היינטיקער סעמיטישער [עלימענט] איז דער זעלבער, הונדערט פראצענט דער זעלבער, ווי אין עלטסטן יידיש.

ס=איז מיר נישט קלאר, צי איר האלט טאקי, אז די לאנגע וואקאלן אין סעמיטישן עלימענט זענין א סעמיטישע ירושה כמעט דריט=האלב טויזנט נאכן טויט פון העברעאיש און אנדערט=האלב טויזנט נאכן טויט פון ארמיש?! דאס איינציקע ארט, וואו מיר קענין זוכן, איז ביי די אבות פון די אשכנזים, די צרפתים, הייסט עס[18]. אף וויפל איך וויים, זענין לאנגע וואקאלן גיווען א זעלטינע זאך אין אלט=פראנצייזיש (אזוי ווי אין היינטיקן פראנצייזיש).

„שד, פרט, כוס” האבן אזוי ארום גיהאט א קורצן וואקאל אין צרפתיש, און ווייל דער טראַף איז גיווען א פארמאכטער איז דער וואקאל גיבליבן קורץ אין יידיש, בשעת דער אפינער טראף פון „שידים, פרטים, אותיות” האט גורם גיווען לענג און דערנאך דיפטאנגיזאציע (אין „שידים” און „אותיות”). אגב אורחא, אזא מין נישט=פאראלעליזם האט איר א מאל אויך אין גערמאנישן עלימענט: ער רעט — די רייד, גיווארן — אן גיוואוירן, צפונדיק „גישווארן” — דרומדיק „גישוואוירן”, ד״ה ריין פאנעטיש, נישט אנאלאגיש. ש=כוח פאר די מאפים[19];

15. וועגן טשערנאָוויץ איז בירנבוים פאַרשטייט זיך גערעכט, נאָר פונקט צו מזרח צו הייבט זיך אָן די טעריטאָריע וואו וואָקאַל 34 (ווײַן, ווײַס וכו׳) יאַוועט זיך טאַקע ווי a (ניט ā); זע איצט דעם יידישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס, מאַפּע 28.

16. דאָ רעדט זיך וועגן דעם קאַמף פאַרן אַריינפירן דעם לימוד פון יידיש, מיט וועלכן איך האָב אָנגעפירט אין דער פלעטבושער ישיבה אין ברוקלין אין די יאָרן 1972-1974. איך האָב דעמאָלט אַרויסגעגעבן פינף נומערן פון סטודענטישן זשורנאַל עליכם שלום. דאַכט זיך אַז איך האָב געהאַט געשיקט בירנבוימען אַן עקזעמפּלאַר.

17. איך האָב בירנבוימען געהאַט צוגעשיקט די מראה=מקומות, צוליב וועלכע איך האָב אים אין אָקספאָרדער רעפעראַט געהאַלטן פאַר אַן אָנהענגער פון דער טעקסטן=טעאָריע, דהיינו: זיין אַרטיקל “Die jiddische Sprache” אין *Germanisch-Romanische Monatsschrift*, 11 (1923), וואו ער האָט געשריבן, ז. 153: “Die Quellen für diesen Teil des Sprachguts sind die Sprache der Mischna und Gemara, mittelalterliches und neueres Hebräisch und kabbalistische Literatur”; זיין רעקאָנסטרוקציע פון די אַלטע u קלאַנגען אין יידיש (אין די ייוואָ בלעטער 4, זז. 25-60), וואָס האָט זיך פאַר מיר אַרויסגעוויזן פאַר אַן אַקסיאָם פון דער טעקסט=טעאָריע (פגל. אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 51-53).

18. יאָ, איך האַלט אַז די לאַנגע וואָקאַלן זיינען געווען און געבליבן; זע אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 54-66. אָט דער זאַץ בירנבוימס איז געווען איינער פון די שטויסן וואָס האָבן מיך געפירט צום אויספיר אַז יידיש וואַקסט בכלל ניט פון לותיר ביים ריין (ד.ה. פונעם שפּראַכיקן שטח וואָס איז בשכנות מיטן צרפתישן געביט), נאָר וואָדען פון מזרחדיקן דאָניי געביט; זע מיין “The Proto Dialectology of Ashkenaz” אין *Origins of the Yiddish Language*, 1987, זז. 47-60. דער הויפּט=שטויס איז געווען ראָבערט קינגס ראיות, אַז דער ג ע ר מ אַ נ=י ש ע ר חלק פון יידיש שטאַמט אויך פון מזרחדיקן געביט פון אַלטן אַשכנז. זע וועגן דעם אין אָקספאָרדער יידיש 2, ז. 82.

19. דאָס זיינען געווען די מאַפּעס וואָס איך האָב אויסגעטיילט ביי מיין רעפעראַט א. ט. „די אינעווייניקסטע קלאַסיפיקאַציע פון די מערב=יידישע דיאַלעקטן”, וואָס איך האָב

זענען זיי פונים שפראך⸗אטלאס אין ייוואָ? איך פארשטיי נישט, ווי אזוי קומט קראקע (און א היפש שטיק אף מיזרח) אין דער מערב⸗יידישער טעריטאריע. איך בין צוויי מאל גיווען דארטן, גיהאט אפט צו טון מיט קראקיווער, גיהאט קרובים דארטן מצד נוקבתא — און כ⸗האב קיין מאל נישט גיהערט עפּים אנדערש ווי מיזרח⸗יידיש[20].

אמת, אין סאמע מערבדיקסטן פאס פון מיזרח⸗יידיש איז גיווען א טראפּן מערב⸗יידיש (וואס — גידענק איך שוין נישט), אבער מערב⸗יידיש איז עס נישט גיווען. איך קען יידן פון יענע קאנטן הי אין טאראנטע, און אין זייער לשון איז נישטא קיין טראפּן מערבדיקייט.

אף דער מאפּע איז דא דער נאמין „ווענעציע". ביי יידן האט די שטאט גיהייסן ווענעדיג, ווי מע קען זען פון סוף פון „עקידת יצחק" (זע ז' 158 פון מיין בוך). „ווענעציע" איז מן⸗הסתם גינומין פון רוסיש, נישט פון איטאליעניש. איך זע נישט פאר וואס מיר זאלן נישט ניצן דים אמאליקן יידישן נאמין.

„זוכ⸗", „חות⸗" (פון „זוכרינו, חותמינו") האבן א שטארקן צווייטן אקצענט. אז מע וועט דורך ארביטן לשון⸗קודשע כתב⸗ידן, וועט מין גיפינין א רייכן מאטריאל. אין מיין נאטיץ פון 1931 האב איך בלויז גיברענגט, וואס איך האב פונקט גיהאט ביי דער האנט, ד"ה וואס איך האב פונקט דעמאלט פארשריבן ביי מיין פּאלעאגראפישער ארביט. (אגב אורחא, מע וואלט אפשר גיקענט זאגן, אז מיין פאלעאגראפישע ארביט איז חשובער פון מיין יידישער. אבער ס⸗איז נישטא — אדער נאך נישטא — קיין עולם פאר איר.)

געליינט אויף דער 53טער ייוואָ קאָנפערענץ אין ניו⸗יאָרק, 10-13 נאָוועמבער 1979. דער תמצית דערפון איז אַריין אין מיין *Dialektologie.* אין “Zur Dialektologie des Jiddischen” *Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2 (1983), זז. 1018-1041.

20. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מאַקס ווײַנרײַכס געוואַגטער מסקנא וועגן קראָקעווער געגנט: „אַ מערבדיק⸗יידישער דיאַלעקט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ מיטל⸗יידישן" (אין זיינע „ראשי פרקים וועגן מערבדיקן יידיש" אין יאָפע בוך, 1958, זז. 158-194, דאָרטן ז. 171). דעם פאַרדינטן פסק פאַרן אומקריטיש אָננעמען ווײַנרײַכס השערה האָב איך געכאַפּט בעת די פראַגעס נאָכן רעפעראַט, און איך וויל דאָ באַדאַנקען גרשון יאָכנאָוויץ פאַר זיין פריינטלעכער און ריכטיקער קריטיק ביי דעם פונקט. די גרענעצן פון „פרילוצקים מערב⸗יידישן ווינקל" אין קאָנגרעס פוילן האָט פרילוצקי אַליין באַשריבן, לויט דער פאַראַנענער עווידענץ (זע זיין צום יידישן וואָקאַליזם (1920), זז. 72-73, און זיינע דיאַלעקטאָלאָגישע פאַראַלעלן און באַמערקונ⸗גען (1921), ז. 368.

איר האט שוין איין מאל א גוטן זיכרון. נאך דריט⸗האלב גידענקט איר דים נאמין פון מיין אייניקל אסתר, וואס איר האט זי גיזען בלויז א מינוט. היינט הייסט זי שוין אסתר שפיצער.

וואס איר דערציילט וועגן אייער טיפ יידישקייט, איז מיר גיווען גאר אינטערעסאנט. אלדינגס כדת און כדין אחוץ שמירת שבת[21]. די טעאריע פון דעם מין יידישקייט האב איך גיקענט, אבער דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס איך טרעף עס במעשה.

ס⸗קומט אייך א שבח פאר אייער אף⸗טו אין דער פלעטבושער ישיבה. אבער קיין יורשים האט איר אפנים נישט. און די איווריט⸗פראפאגאנדע, וואס פלייצט פון מדינת ישראל, וואקסט. אויב איר וועט מיר שיקן א רשימה פון מיינע זאכן, וואס איר האט, איז מעגלעך, אז איך וועל קענין אייך שיקן א קלייניקייט.

ס'פארדריסט מיך שטארק, וואס איר האט גידארפט צאלן אזא סך פאר מיין בוך. איך פארשטיי נישט, וואס די MUP קלערט. ווער וועט צאלן זעקס[22] פונט פאר א בוך? אפילו $37.50, וואס TUP הייסט זיך צאלן, איז אויך צו טייער.

הארציקע גרוסן

אייער

שלמה בירנבוים

איר זענט א כהן?

4

י"ב מ"א תש"ם

ליבער דוד קאַץ,

ש⸗כוח פאר אייער בריוו פון ד' אייר און אייער קארטל פון בעלפאסט פון 24סטן אפריל. איך האב אייך נישט באלד גישריבן, ווייל איך האב אייך גיוואלט געבן א פרטימדיקן ענפער.

לאנגע וואקאלן אין נישט⸗אקצאנטירטע טראפּן אין עלטסטן יידיש? אדער האט איר ראיות, אז אונדזער אקצענט איז שוין גיווען אין צרפתיש? שידים, כּוסות, פּרטים?[23].

21. בירנבוים האָט מיר געגעבן ווייט צופיל קרעדיט בנוגע די אַנדערע 612 מצוות...

22. דער פרייז פונעם בוך ביי Manchester University Press איז געווען £30.

23. זע מיין „צום אורשפּרונג פונעם מלעיל" אין איצטיקן באַנד.

„געשטאַרן" — דערװײַל „געשטאָרבן", ד״ה רײן פֿאָנעטיש, נישט אַנאַלאָגיש.
ש־רות פֿאַר די מאַפּס; װען די פּױלישע שפּראַך־אַטלאַס װעט װײַזן
איך פֿאַרשטײ. נישט, װי אַזױ קלאָר קראָקע (און אַרום אַ טײל
אַל מיזרח) אין דער צענטראַל־יידישער טעריטאָריע. איך מײן
צװײ מאָל געװען דאָרטן, געהאַט אָפֿט צו טאָן מיט קראָקעװער,
װאָס האָט פּרובֿים דאָרטן אָדער נעבעך — און כ׳האָב קײן מאָל נישט געהערט
עפּיס אַנדערש װי מיזרח־יידיש.

איצט, אין סאַמע צענטער פֿון מיזרח־יידיש איז געװען
אַ טראָפּן מערב־יידיש (װאָס — געדענק איך שױן נישט),
אָדער מערב־יידיש איז אױך נישט געװען. איך קען ייִדן פֿון
די אין טאַרנאָװ, און אין זײער לשון איז נישטאָ קײן טראָפּן
מערבדיקײט.

אַף דער מאַפּע איז דאָ דער נאָמען „װאַנגראָד". בײַ ייִדן האָט
די שטאָט געהײסן װענגרעדיג, װי איר קענט זען פֿון סוף פֿון
„מירב יצחק" (זײַט 158 פֿון מײַן בוך). „װענגראָד" איז
אין־המספּר געװען פֿון רוסיש, נישט פֿון עסטרײַכיש. אין
נישט פֿאַר װאָס איר זאָלט נישט טאָן דאָס דעם אַמאָליקן „ייִדישן
נאָמען".

„צוײ"... חוץ (פֿון „אוריינט", „חתנים") האָבן אַ שטאַרקן צװײט
אַנדערש. אָט איך װעל דאָך אַרבעטן לשון־ייִדיש ..., װעט
געפֿינען אַ רײַכן מאַטעריאַל. אין מײַן נאָטיץ פֿון 1931

פֿאַקסימיליע פֿון אַ זײַטל פֿון בריװ נ. 3

„ראשי־פרקים וועגן מערבדיקן יידיש״: מכות קראקע — מ״וו[24] זאגט: „איך בין נוטה צו מיינען, אז מיטן קראקעווער ראיאן איז געשען, אין א ביסל א פריערדיקער צייט, דאס אייגענע וואס מיט בענדינער״ אא״וו. ער דערציילט אונדז אבער נישט. פאר וואס ער איז נוטה. אָן א ראי׳ און אפילו אָן אן אסמכתא טויג דער איין־פאל גאר נישט און מע טאר קראקע נישט ארויף שטעלן אף א היסטארישער מאפע און אוודאי נישט אף א ניי־יידישער.

(ד)[24*] איך שיק אייך באזונדער צען סעפעראטלעך און פיר ביכלעך. און עטלעכע קסעראקאפיעס. אין דער ביבליאגראפיע אין YSG[25] קענט איר געפינען אלדינגס, וואס איך האב גידרוקט וועגן יידיש. וועגן אנדערע עינינים איז נישטא קיין עיצה. ארוים שרייבן א ביבליאגראפיע איז מיר בשום אופן נישט מעגלעך.

די צוויי בענדער פון מיין פאלעאגראפישן חיבור זענין פאראן אין דער בריטישער ביבליאטעק. מע קען דאס אויך קויפן, ס׳איז אבער זייער טייער. מיינע פאלעאגראפישע ארטיקלין זענין ס׳רוב ארוים אין *Palestine Exploration Quarterly* אין די פופציקער און זעכציקער יארן.

איר דערמאנט צוויי „אומדאטירטע בלעטלעך קאפירטע פון בריטישן מוזיי״ (פון מיין דייטשער ארביט וועגן תהילים). הייסט דאס מן־הסתם, איר האט זיי קאפירט. קומט אוים, אז זיי האבן דאס גאנצע. איך קען מיר נישט מאלן, אז זיי האבן צוויי בלעטלעך.

איר זענט א „גרויסער עם־הארץ״ אין דער העברעאישער פאלעאגראפיע? איר דארפט נישט אראפ פאלן ביי אייך. איר זענט נישט דער איינציקער, אין דעם זענט איר גלייך מיט אלימין. קיין אמתדיקע, פרטימדיקע ארביט וועגן כתב עיברי און כתב אשורי, אף א סיסטעמאטישן אופן, איז קיין מאל נישט גיוועז, ביז אני הקטן האב כאטש אן גיהויבן (און נישט פארענדיקט, ווייל איין דור קלעקט נישט דעראף). און אף וויפל איך ווייס, איז היינט נישטא קיין איינער, וואס זאל ממשיך זיין מיין ארביט, נישט פון די עטלעכע תלמידים, וואס איך האב גיהאט אין School of Oriental and African Studies און נישט קיין אנדערע.

S.F. מאכט Sigmund Feist[26]

24. מאַקס ווײַנרײַך.

*24. די אותיות באַציען זיך צו די פּונקטן אינעם בריוו אויף וועלכן בירנבוים ענטפערט.

25. ד.ה. *Yiddish: A Survey and a Grammar*.

26. איך האָב געפרעגט בײַ בירנבוימען, ווער איז דאָס דער

(ו׳) יא: כֵּלב און רֵיוות, אבער שֶׁקר (שעיקער)[27].

(ז) יחץ, לחש, נחת: קורץ. ירושלים: לאנג, ווי אלע מאל ביי י׳.[28]

איר האט מן־הסתם אליין פארשטאנין, אז דאס ארטיקל אין U.J.E. איז באארביט פון מיין ארטיקל אין Jüd. Lexikon (וואס איר קענט אויך זען אין דער בריטישער ביבליאטעק).[28*] איך בין גיווען גיווארן עטלעכע יאר נאך דעם, ווען די ענציקלאפעדיע איז ארוים. (זע YSG, ז׳ 322 הערה.) אז אפן שער־בלאט פון צווייטן דרוק פון מיין גראמאטיק שטייט durchgesehen און פונים דריטן שטייט ergänzt, אין דעם בין איך נישט שולדיק, דאס האט גיטון דער ארוים־געבער, כאטש די שינויים זענין נישט מער ווי 0.0001 פראצענט. ביי מער שינויים וואלט אים דאך א סך מער גיקאסט, ניי צו זעצן.

איר האט דערמאנט אייער פאטערס נאמין. האב איך פלוצים גיקריגן דערפון אן ענפער אף א שאלה, וואס איך האב נישט גיהאט גיפרעגט: איך קען א נאמין „מענקעס״, אבער איך האב קיין מאל נישט גיקלערט וועגן דער עטימאלאגיע. אצינד זע איך, אז ער נעמט זיך פון „מענקע״ (איך רעכן, אז „מעינקע״ איז פון „מענקע״). האב איך שוין גיפרעגט: און וואס איז „מענקע״? איז מיר תומ״י קלאר גיווארן: מענ̆קע: ? = פישקע: פישל. איז דער פועל־יוצא — מענקע איז מענדל. ביי אייער פאטער פארשטייט זיך דאס אוודאי פון אליין. הייסט ער טאקי מנחם?[29]

מיט די בעסטע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

S. F. וועלכער האָט רעצענזירט זײַן *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache* (זע הערה 5) אין *Zeitschrift für deutsche Mundarten*, 18 (נ. 3-4, 1923), זז. 141-142.

27. איך האָב בירנבוימען געפרעגט וועגן די ווערטער בעתן אַרבעטן איבער מײַן *“The Wavering Yiddish Segolate: A Problem of Sociolinguistic Reconstruction”* וואָס איז דערשינען אין שיקל פישמאַנס *International Journal of the Sociology of Language* 24 (1980), זז. 5-27.

28. פגל. אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 64-65; אויך אין איצטיקן באַנד אין מײַן „צום אורשפּרונג פון מלעיל״.

*28. ס׳גייט די רייד וועגן בירנבוימס ענציקלאָפּעדיע אַרטיקלען וועגן יידיש אין: *Jüdisches Lexikon*, באַנד 2, זז. 269-278 (1929) און *Encyclopaedia Judaica* (בערלין) באַנד 9, זז. 112-127 (1932).

29. מײַן פאָטער, דער יידישער פּאָעט מעינקע קאַץ ז״ל איז געווען אַ נאָמען נאָך זײַן באָבע מאָינע (מוינע). מעינקע איז אין

5

12.7.81.

ליבער דוד קאַץ,

דאס איז א פארשפעטיקטער ענפער אף אייער בריוו פון ערשטן יאנוואר. איך בין קודם ל״ע נישט גיווען גיזונט, און דערנאך אזוי פארנומין מיט אן ארטיקל, (וואס איך וואלט גיוען גידארפט פארענדיקן דים 31טן דעצעמבער), אז איך האב נישט גיקענט שרייבן קיין שום בריוו.

איך וועגן עינין מֵילך — בגד קען איך היינט נישט שרייבן.

שווער צו פארשטיין, אז דער עולם האט אזוי ווייט פארגעסן דים שורש פונים נאמין מענקע (מיט דער פאלאטאליזירטער נון, מעינקע), אז ער האלט, דאס זענין צוויי באזונדערע נעמין.

דענמאן האט מיר גישיקט זיין רעפעראט. ס׳איז זייער גוט. איך האב אים גידאנקט, און דערמאנט א פאר זאכן, וואס מע דארף איבער אנדערשן. קיין ענפער האב איך נישט גיהאט[30].

טאמער האט איר דים טעקסט פון „אייביקן אלף״, וועל איך אייך זאגן א שיינים דאנק, אז איר וועט מיר שיקן א קסערא־קאפיע[31].

הארציקע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

---

ווילנער גובערניע געווען אַמאָל אַ באַליבטער נאָמען. בירנבוימס פאָרגעלייגטע אַנאַלאָגיע קען פונדעסטוועגן זיין אַ ריכטיקע וואָס שייך דעם נאָמען בכלל. אויב דער לאָקאַלער אָפּרוף פון פישל איז פישקע, איז דער אָפּרוף פון מענדל ניט אַנדערש נאָר מענדקע > מענטקע (על־פּי דער רעגרעסיווער אַסימילאַציע פון שטימיקייט) > מענקע, וואָס מוז אַרויסגערעדט ווערן אידענטיש מיט מעינקע צוליב דער נייטראַליזירונג פון דער ε — ej אָפּאָזיציע פאַר נג און נק (פגל. בענק, שענק וכו׳). אין מעינקע קאַצעס ברענענדיק שטעטל (ניו־יאָרק 1938), פיגורירט דאָס ייִנגעלע מעינקע ווי: מענטקע. אינגאַנצן איבערגעצייגט אין דער עטימאָלאָגיע בין איך אָבער ניט. דעם נאָמען טרעפט מען אין עלטערן מערבדיקן יידיש. למשל, אין דער בערלינער אויסגאַבע פון אברהם בן דודס ספר בעל הנפש (אַרויס אין 1762), ווערט דערמאָנט אויפן שער־בלאַט דער האַלבערשטאַטער דיין ר׳ מנחם מענקה.

30. איך האָב געהאַט געהאָלפן ה. דענמאַנען ביים אָנשרייבן אַן אַרבעט וועגן בירנבוימען צו דער ייוואָ קאָנפערענץ אין 1980 (איך האָב אָרגאַניזירט די לינגוויסטישע סעסיע כאָטש אַליין האָב איך ניט געקענט פאָרן). אַ העברעאישע איבערזעצונג פונעם רעפעראַט איז דערשינען אינעם יידיש באַנד פון הספרות (35-36 \ 3-4), וואָס בנימין הרשב (הרושאָווסקי) האָט אַרויסגעגעבן אין 1986.

31. איך האָב בירנבוימען איבערגעגעבן אַז די סטודענטן

אפשר אדער מן־הסתם זענט איר אצינד נישט אין לאנדאן, נאר אין אמעריקע. כ׳האב אבער נישט קיין ברירה, ווייל איך האב בלויז אייער ענגלישן אדרעס.

6

ר״ח סיוון תשמ״ב

ליבער דוד קאַץ

ס׳איז מיר ערשט אצינד מעגלעך, צו ענפערן אף די בריוו און טעליגראמין, וואס זענין גיקומין צו מיינע ניינציק יאר.

דאס ווארימקייט און הארציקייט פון אייער טעליגראם און בריוו זענין גיווען ביי מיר א גרויסע זאך. איך דאנק אייך מעומקא דליבאי[32].

די „יובל־שימחה״ דא הי איז גיווען — אזוי האבן אלע גיזאגט — גאר א גיראטינע. גיקומין א שיינער עולם און א גרויסער. וואס די דרשנים האבן גיזאגט, האב איך נישט גיהערט, ווייל אין די לעצטע פאר יאר איז מיין גיהער שלעכט גיווארן. אבער מ׳האט בשעת־מעשה אלדינגס רעקארדירט, וועל איך עס א מאל קענין הערן (ס׳האט זיך דערווייל נישט גימאכט). אן אנדער מין האב איך גיקריגן תיכף אפן ארט: מזל־טוב־דאקומענטן מיט גרויסע גילדינע זיגלין פון די פארשידינע קאנאדישע ממשלות (ס׳איז א קאמפליצירטע מדינה, דאס קאנאדע), אן גיהויבן פונים קאנאדישן ממלא־מקום פון דער מלכה און דערנאך פונים מיניסטער־פרעזידענט ביז צום ראש־העירונים פון דער שטאט טאראנטע, וואס איך בין אזוי ארום גיווארן אירם א „בערגער לכבוד״.

אבער דער עיקר איז ביי מיר דאס הארציקייט און ווארימקייט, וואס האט זיך ארוים גיוויזן אין די בריוו און טעליגראמין פון יחידים.

די יידישע דאטע איז כ״ג בכיסלוו תרנ״ב.[32*]

---

אין אַוואַנסירטן און אין העכערן מיטלדיקן קורס פון יידיש אויף דער אוריאל ווינרייך זומער פּראָגראַם אין ניו־יאָרק האָבן זומער 1980 „מורד געווען״ אינעם ייוואָ אויסלייג, און די אָנפירערין פון דער „מרידה״, ראַנדי האַקער, האָט אָנגעשריבן אַ ליד, „דער אייביקער אלף״ (וועגן שטומען אלף אין וואו, וואונדער, וואוינען וכו׳).

32. די אָקספאָרדער יידיש פּראָגראַם האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צו דער פייערונג לכבוד בירנבוימס ניינציקסטן געבאָרנטאָג, וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט איינגעאָרדנט זונטיק, דעם 13טן דעצעמבער 1981, אין Baycrest Terrace אין טאָראָנטאָ.

*32. ד. ה. די יידישע דאַטע פון בירנבוימס געבורט.

אצינד וועגן אייערע „קשיאלעך”:

(א) אויב איר וואלט גיקענט קומין אהער, וועט איר זיין אן אן־גילייגטער גאסט[33].

(ב) כ־האב אצינד נאך גיקוקט, וואס איך האב גישריבן וועגן דער עלטער פון יידיש[34]. איז אט וואס: „פריישטאט” (1913): אפנים שפעט אין מיטל־עלטער; „גראמאטיק” (גישריבן 1915, ארוים 1918): נישט דערמאנט, אבער פון ז׳ 8 וואלט מין גיקענט דרינגגין: פרי אין מיטל־עלטער; „עלעמענטען” (גידרוקט 1922): סוף מיטל־עלטער, אן־הייב נייע צייט; „וואקאליזמוס” (1923): מה״ד תקופה; „רעליגיאן אין געשיכטע אונד געגענווארט” (ארוים אן־הייב 1929, הייסט עס, גישריבן 1928 אדער פריער): די „אורשטופע” איז מה״ד, וואס יידן האבן גירעט, אפ גישייט פון דייטש אן ערך אין 14טן י״ה; „לעקסיקאן” (גידרוקט שפעט אין 1929): כמעט א טויזנט יאר. ווי איר זעט, האב איך מיך צווישן די לעצטע צוויי ארטיקלין פינקטלעכער אריין גיקלערט אינים עינין.

צי עמיצער האט שוין פריער גידרוקט אזא מין דאטע, וויים איך נישט, אבער עס לייגט זיך נישט אפן שיכל. מע וואלט גידארפט דורך קוקן די גאנצע ליטעראטור. מיט ווינרייכס 800 האט מיין דאטע גאר נישט צו טון. וואס ער שרייבט אין זיין „געשיכטע”, וויים איך נישט — כ־האב נאך נישט גיהאט קיין צייט, זי צו לייענין. ס־קען אייך אינטעריסירן, אז עמיצער אין ווילנע, צו וועמין איך פלעג שרייבן מכוח עינינים פון יידיש (אן איש אמת), האט אמאל אין א בריוו דערמאנט, אז ווינרייך פלעג לייענין אלע בריוו מיינע.

(ג) אייער „ריין לינגוויסטישער” צו־גאנג צום פראבלעם „ווי אלט איז יידיש?” איז א גיוואונטשינער, און איךווארט שוין צו זען אייער ארטיקל וועגן דעם[35].

ש־כוח פאר דער קאפיע פון דער „אייביקער אלף.”.

מיט גאר הארציקע גרוסן

אייער

שלמה בירנבוים

33. צו מיין טיפן באַדויערן, האָב איך זיך מיט בירנבוימען קיינמאָל ניט געטראָפן.

34. איך האָב געהאַט געפרעגט ביי בירנבוימען, צי איז ער טאַקע געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַרעפנטלעכט די מיינונג אַז יידיש איז בערך טויזנט יאָר אַלט (ווי עס האָט זיך מיר געדוכט ביים דורכלייענען די שייכותדיקע ליטעראַטור).

35. קיין באַזונדערן אַרטיקל דערוועגן האָב איך ניט אָנגעשריבן; ס׳איז אַריין אין מיין לאָנדאָנער דיסערטאַציע,

7

ז׳ באייר תשמ״ה

ליבער דוד קאץ,

כ־האב אייך נאך נישט גידאנקט פארן בינטל זאכן אייערע, וואס איר האט מיר גישיקט מיט א לאנגער צייט צוריק, און פאר אייער בריוו פון כ״ח טיבת, וואס ליגט שוין אויך דריי חדשים. די ארטיקלין זענין מיר גיוועזן זייער אינטעריסאנט, און איך זאג אייך גאר א גרויסן ש־כוח.

פאר וואס איך האב נישט גיענפערט — פשוט, איך האב נישט קיין צייט צו שרייבן בריוו, אחוץ איין מאל אין א יובל. ערשטנס בין איך פארנומין מיט ארביט איבער די כוחות, און צווייטנס נעמט צו א סך צייט דער פועל־יוצא פון אן אומגליק וואס האט זיך גיטראפן ביי מיין בני־בית מיט באלד דריי יאר צוריק.

איך גלייב נישט, אז איך וועל דעם ווינטער זיין אין ענגלאנד און קענין קומין קיין אקספארד צו דער קאנפערענץ[36].

מכוח א רעפעראט: וועגן דער טעמע פון דער קאנפערענץ האבן אנדערע און איך שוין גישריבן בדרך כלל, קומט אוים, אז דא גייט אין פרטים. אף דעם דארף מין האבן צייט. אויב איך וועל קענין, וועל איך שיקן.

אף דער קאפיע פון אייער ארטיקל וועגן דער אקספארדער קאנפערענץ זענין נישט אן גיוויזן קיין ביבליאגראפישע ידיעות[37]. לאזט מיך וויסן.

דארטן שרייבט איר אף ז׳ 16, עמ׳ א׳: „יידיש סקאלערשיפ... (דריי שורות)”. אבער צוויי שורות דערנאך דערמאנט איר דים „פרא־יידישן קולטור־קלימאט”. כ־האב גיזאגט „אבער”, ווייל די מענטשן פון יענים קלימאט

*Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish* (1982, §3.2, §9.7); פגל. אויך אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 23–25, 65.

36. מ׳האָט דעמאָלט געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן דעם „ערשטן אָקספאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור”, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 15טן ביזן 17טן דעצעמבער 1985, איבער דער טעמע: „אורשפּרונג פון דער יידישער שפּראַך” (אויף ענגליש: “Origins of the Yiddish Language”).

37. ס׳רעדט זיך וועגן מיינעם אַן אַרטיקל איבער דער ערשטער אָקספאָרדער יידיש קאָנפערענץ אין 1979, וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין לאָנדאָנער *Jewish Quarterly*, לויט דער פריינטלעכער פאַרבעטונג פונעם רעדאַקטאָר יעקב זאָנטאַג ז״ל.

למשל נתן בירנבוים, פון 1902 —, זענין עם די „באפרייער", נישט די פילאלאגן, וואס זענין שפעטער. אויך די ווערטער „גיבוירן אין מיזרח־אייראפע, מיט יידיש זייער מאמע־לשון" פאסט נישט ביי אלע. סיידן איר האלט, איך בין נישט פון יענים דור — בין איך דאך נישט גיבוירן אין מיזרח־אייראפע, און יידיש איז דאך נישט מיין מאמע־לשון. און מיינע ערשטע לינגוויסטישע זאכן זענין גידרוקט גיווארן דווקא אין מערב: בערלין (פריישטאט, 1913) און ווין (גראמאטיק, 1915/18). (איך בין דאס דריטע דור נאכן מיזרח, און האב אן גיהויבן רעדן יידיש אין מיין זיביציט יאר.) אזוי ארום, לויט אייער דעפיניציע, האט מיין גראמאטיק נישט קיין שיי[כ]ות צום „באפרייאונג" און ווערט נישט דערמאנט[38]. דאס זעלבע איז מן־הסתם חל אפן סעמיטישן עלימענט און מיין דיסערטאציע.

זייט מיר גיזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבוים

8

15.10.85.

ליבער דוד קאץ,

סוף־כל־סוף קען איך שרייבן א בריוו און ענפערן. יא, איך וועל אייך קענין שיקן עפּים — אויב איר ווילט עם האבן[39].

די מעשה איז אזוי: די טעמע פון דער קאנפערענץ איז „דער אן־הייב פון יידיש". דאס איז אפילו א ברייטע

38. דאָס אויסלאָזן בירנבוימס גראַמאַטיק פון 1918 אין מיין רשימה איז אָדער געווען אַ טעות סתם, אָדער עס האָט זיך גענומען פון דעם וואָס צום ענין יידישע פילאָלאָגיע אַלס באַשטאַנדטייל פונעם יידישן קולטורעלן רענעסאַנס אין מזרח אייראָפּע זיינען דירעקט שייך די פּיאָנערישע פילאָלאָגישע ווערק אויף י י ד י ש, בתוכם: מיזעסעס רעפעראַט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (1908), באָראָכאָווס „אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע" און זיין „ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג" (ביידע 1913), און די ווערק פון פרילוצקי, ווײַנרייך, רייזען א.א. אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. בירנבוימס ווערק אויף ד י י ט ש האָבן דעמאָלט געשפּילט אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָלע ביים דערפירן די יידישע לינגוויסטיק צום אינטעלעקטועלן אויבנאָן ביי מערב־אייראָפּעאישע געלערנטע (זע מיין נעקראָלאָג אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 271-276).

39. איך האָב שטאַרק געבעטן ביי בירנבוימען, ער זאָל צושיקן אַ רעפעראַט צום ערשטן ווינטער סימפּאָזיום.

טעמע, אבער איך ווייס נישט, צי מיין זאך וועט זיך אריין פאסן.

איך וויל געבן דריי קיפיטלעך אף מיינע דריי לשונות מכוח מיינע צוויי ארביט־פעלדער, דהיינו: (א) דאטירן אלטע יידישע כתב־ידן (אף יידיש), (ב) לשון־קודשע עטימאלאגיעס אין דייטש (אף דייטש), [(ג)] די עטימאלאגיע פון „דאווינין" (אף ענגליש). א סך־הכלדיקער נאמין קען זיין: עטימאלאגישע און פאלעאגראפישע עינינים"[40].

מזל־טוב אפן דאקטאראט און נאך א מזל־טוב אף דער שטעלע אין אקספארד. איר וואוינט דארטן? (אגב אורחא: איז היינט נאך דא דאס ליטווישע „פרייען זיך?" כדי אוים צו מיידן וויינין = וואוינין. מיין פאטער האט דאס גיהערט, ווען ער איז גיוועזן 1911 אין רוסלאנד.)

די טעג האט מיר היילים א שוואגער גיברענגט א בריוו[41]. די צרה איז, אז איך דארף ענפערן אף זיינע לאנגע בריוו מיט נאך לענגערע, גידויערט א לאנגע צייט, ביז ער זעט מיינע אן איין גיטונקטע פען.

ער שטעלט צונויף א גראמאטיק — און אין זיינע בריוו זענין דא גרויסע גראמאטישע גרייזן. איך שרייב אים, ווי אזוי ס׳דארף צו זיין, אבער [ער] רופט זיך נישט אן וועגן דעם[42]. מן־הסתם ווייסט איר, אז ער גייט פארגרעסערן מיין פשרה מכוח עיין. (גוטע פריינד האבן מיר דעמלט צו

40. צוגעשיקט האָט בירנבוים צוויי פון די דריי רעפעראַטן — אויף יידיש און אויף ענגליש.

41. ס׳רעדט זיך וועגן שמואל הײַלע (Shmuel Hiley), דעם לאָנדאָנער תלמיד חכם, וועלכער געהערט אַ חסידישער קהילה אין סטעמפאָרד היל (זע זיינע אַרבעטן אין די ערשטע צוויי בענד אָקספאָרדער יידיש). הײַלע האָט צוגעגרייט צום דרוק צוויי לערנביכער פון יידיש געצילט פאַר טראַדיציאָנעלע פרומע חדרים, נוצנדיק אַן אָרטאָגראַפיע וואָס איז אין גייסט פון בירנבוימס, אויך אַ גראַמאַטיק וואָס באַזירט זיך אויף די דרומדיקע דיאַלעקטן.

42. לויט מיין מיינונג, האַנדלט זיך דאָ בכלל ניט אין „טעותן", נאָר אינעם אונטערשייד צווישן בירנבוימס צוגאַנג צו כלל־יידיש און הײַלעס. כאָטש ביידע זיינען „דרומיסטן", ד.ה. זיי האַלטן אַז די געשריבענע שפּראַך דאַרף וואָסאַמאָל מער אָפּשפּיגלען די דרומדיקע דיאַלעקטן, איז בירנבוים פאָרט אַ סך מער מושפּע געוואָרן פון „וועלטלעכן" כלל־יידיש. בירנבוים האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געהאַלטן ביי יענעם נוסח פונעם געשריבענעם יידיש וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט צווישן די ביידע מלחמות. הײַלעס לשון שבכתב שפּיגלט אָפּ דאָס דרומדיקע חסידישע יידיש פון שפּעטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין ראַם פון דער יידישער סטיליסטיק, קען מען זאָגן אַז הײַלע איז מער דרומיסטיש אײדער בירנבוים אינעם יידיש שבכתב.

גירעט, איך זאל מאכן א פשרה, שפעטער וועט מין קענין פארריכטן.[43] ווי אזוי האט איר אייך באקענט מיט אים?

איך האב הנאה צו הערן, אז איר ארביט אויך אף „א שטיקל גראמאטיק”. מאי קמשמע לן „א שטיקל?” און ווער איז דער פארלעגער? וועל איך נאך דערלעבן, זי צו זען?[44]

אוודאי אינטערעסירט מיך די ידיעה מכוח יידיש פארן ב"א־דיפלאם. איז עס טאקע מקוים גיווארן?[45]

אצינד וועגן אייערע שאלות.

עטלעכע וואכן נאך היטלערס י"ש ניצחון בין איך אוועק פון האמבורג און נאך עטלעכע וואכן אין ראטערדאם זענין מיר גיפארן קיין לאנדאן. גאר באלד קומט אין א שיינים טאג עמיצער אין שטוב אריין מיט מיין גראמאטיק אין דער האנט, כלומר, ער וויל זיך לעגיטימירן. ער האט גיהערט פון לעפטוויטשן,[46] אז [איך] בין גיקומין, וויל ער זיך באקענין מיטן מחבר פון דער גראמאטיק, וואס ער האט דורך גיארביט. זיין נאמין איז גיוועזן דזשאפסן, פון סלאווישן פאקולטעט. ער האט מיר נישט גיזאגט און איז גיגאנגין און פיר גילייגט דער אוניווערסיטעט, איך זאל זאגן א לעקציע וועגן יידיש. ווארטס אויס א מינוט! וואס זאל איך דא מאריך זיין — איך וועל אייך בעסער שיקן קסערא־קאפיעס פון גידרוקטע ידיעות מכוח די אקאדעמישע גישעענישן ארום יידיש, אף וויפל ס־האט צו טון מיט מיר.[47]

דער „פראיעקט” האט זיך נישט „אפ גישטעלט” — איך

43. בירנבוים האָט אַפּנים חרטה געהאַט, אַלמאַי ער האָט אין זיין אָרטאָגראַפּיע געמאַכט אַ פּשרה, נוצנדיק דעם עין אויפן אומבאַטאָנטן וואָקאַל סוף וואָרט (גרויסע, שיינע), דעם יוד נאָר אין טייל פאַלן אינמיטן וואָרט (גיזאָגט, נאָמין). דער יוד שטאַמט פון אַלט יידיש, בשעת ווען דער עין איז אַריין פון דער השכלה אָרטאָגראַפּיע וואָס האָט נאָכגעמאַכט דעם דייטשישן e אין אַנאַלאָגישע פּאָזיציעס.

44. עס רעדט זיך וועגן מיין *Grammar of the Yiddish Language* וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן אין 1987 ביים פאַרלאַג Duckworth.

45. איך האָב געהאַט בירנבוימען אָנגעשריבן וועגן די פאַרשידענע יידיש קורסן וואָס זיינען יענע יאָרן אַריינגענומען געוואָרן אין קוריקולום פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, סיי ביים פאַקולטעט פון מאָדערנע שפּראַכן, סיי ביים אָריענטאַלישן פאַקולטעט.

46. יוסף לעפטוויטש ז"ל (1892—1983), דער באַוואוסטער לאָנדאָנער איבערזעצער פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש.

47. די מאַטעריאַלן האָט בירנבוים צוגעשיקט. זיי וועלן האָפנטלעך פאַרעפנטלעכט ווערן אין איינעם פון די נאָענטסטע בענד אָקספאָרדער יידיש.

בין גיוועזן „האנ׳ לעקטשערער” ביז צום סוף. אבער אן גיהויבן האט זיך עס קנאפ פאר דער מילחמה. דער אינסטיטוט איז דעמלט אריין אינים נייעם בינין פונים סענאט. כ־האב נאך גיזען די טיר מיט מיין נאמין און דערנאך האט מין צו גינומין דאס בינין פאר מילחמה זאכן, און איך בין אוועק מיט דער צענזור קיין ליווערפּאָל. נאך דער מילחמה איז שוין גיוועזן ווער יידיש, וואס יידיש, דער עולם איז גילאפן צו איווריט.

זייט מיר גיזונט און שטארק!

אייער

שלמה בירנבוים

יידיש אין סאא"ס? אין יענע יארן?! פונקט ווי לערנין יידיש (אדער ענגליש) אף דער לבנה.

קענט איר מיר דערציילן מער וועגן דים פרואוו ביים סאא"ס? דאס אינטערעסירט מיך גאנץ שטארק[48].

דער נאמין פונים יונגין־מאן אין ווילנע?[49] איך ווייס נישט, צי איך האב דאס רעכט אויס צו זאגן. כ־וועל אים פרעגן. ער לעבט נאך.

9

020.11.85

ליבער דוד קאץ,

איך שרייב אין גרויס איילניש, ווייל ניטל רוקט זיך אן, און ס־איז בלויז א דריי וואכן ביזן פערציטן דעצעמבער. איז יעדע מינוט טייער.

איך שיק אייך דא צוויי קיפיטלעך, דאס ענגלישע און דאס יידישע. כ־האב מורא, אז דאס דייטשע וועט שוין מוזן ווארטן ביז איבער א יאר[50].

האט נישט קיין פאריבל, אז איך קום אצינד מיט א תנאי: דאס יידישע קיפיטל דארף פיר גילייענט ווערן אזוי ווי איך וואלט עס גילייענט, מיט דער דרומדיקער הברה, אויב מעגלעך, מיט דער מערבדיקער. אז אזא ייד וועט נישט

48. אין די פריע אַכציקער יאָרן האָט מען מיך פאַרבעטן אַריינפירן דעם לימוד פון יידיש אין „סאָאַס” = SOAS = דער School of Oriental and African Studies ביים לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, לויט דער איניציאַטיוו פון לייזער גלינערט. פון פלאַן איז גאָרנישניט געוואָרן. טאַקע דאָרטן האָט בירנבוים לאַנגע יאָרן געלערנט סעמיטישע פּאַלעאָגראַפיע.

49. זע אויבן אין בריוו 6, פונקט ב, צווייטער פּאַראַגראַף.

50. קיינמאָל ניט אָנגעקומען.

זיין בנימצא, זאָל זיין (די מאַשין איז משוגע גיוואָרן)[*50] מיט דער מיזרחדיקער — לעולם האָב איך דאָך די ערשטע צוואַנציק יאָר גירעט טשערניוויצער לשון[51]. אויב אַזאַ ייִד איז אויך נישטאָ, זאָל עס נישט פיר גילייענט ווערן און וועט זיך בלויז דרוקן[52].

וועגן די אַנדערע עיניָנים אין אייער בריוו וועל איך נאָך שרייבן.

זייט מיר גיזונט און שטאַרק!

אייער

שלמה בירנבוים

## 10

10.12.85

ליבער דוד קאַץ,

היינט גיקומען אייער בריוו פון 29סטן נאָוועמבער (פּאָסט־שטעמפּל: 2 דעצעמבער). איך ענפער אייך תּומ״י כאָטש איך קען נישט גלייבן, אַז איר וועט דאָס קריגן ביי־צייטנס. ס׳טרעפט זיך אפשר איין מאָל אַ יאָר, אַז עס גידויערט בלויז פיניף טעג, אָבער פאַר וואָס זאָל דאָס זיין היינטיקס מאָל? עקספּרעס העלפט דאָך נאָר דאָרטן, וואו דער בריוו קומט אַהין, און ביי מיר איז אַ ספק, צי די היינטיקע פּאָסט אין ענגלאַנד אַרבעט זונטיג. נאָר דער עיקר, איך קען עס היינט נישט שיקן עקספּרעס.

אַצינד דער נאָמען: A Palaeographical and an Etymological Problem.

זייט מיר גיזונט און שטאַרק!

אייער

שלמה בירנבוים

דאָנערשטיג פאַרנאַכט וועל [איך] אי״ה שיקן אַ טעליגראַם

*50. אויף אָט דער שורה פונעם אָפּגעקלאַפּטן בריוו נעמען די ווערטער „טאַנצן".

51. פּאָרגעלייענט בירנבוימס ייִדישן רעפעראַט, מיט אַ ריין פּויליש־ייִדישן אַרויסרייד, האָט שמואל הײַלע, אויף דער ערשטער סעסיע פונעם ערשטן ווינטער סימפּאָזיום, מאָנטיק אידערפרי, דעם 16טן דעצעמבער 1985.

52. אויף ענגליש האָבן זיך די צוויי אַרבעטן געדרוקט אין *Origins of the Yiddish Language*, אָקספאָרד 1987: "Paleography: Manuscripts in Old Yiddish", זז. 7-11, און "Etymology: davənən", זז. 11-14. ביידע זיינען דער־שינען אונטערן כוללדיקן נאָמען: "Two Methods". דער ייִדישער נוסח פון ערשטן אַרטיקל, „אַלטע כתבֿ־ידן אויף ייִדיש" דערשיינט ערשט אין איצטיקן באַנד אָקספאָרדער ייִדיש.

פאַר דער קאָנפערענץ. איר וועט עס קריגן אַ סך פריער ווי מיין בריוו.

## 11

15.1.86

ליבער דוד קאַץ,

קודם כּל גאָר אַ שיינים דאַנק אייך פאַר די האַרציקע ווערטער פון אייער טעליגראַם. זייט אַזוי גוט און גיט איבער מיין דאַנק אויך די אַנדערע.

איך שיק אייך דאָ מיין אַרטיקל וועגן אַלט־ייִדישע כּתבֿ־ידן, איבער גימאַכט אַף ענגליש, ווי אייערע תּקנות האָבן מיך גיהייסן. אַ שאָד.

האָט נישט פאַראיבל, אַז איך שטעל אַ תּנאַי ביי די אַרטיקלען: (א) כ׳דאַרף קריגן אַלע קאָרעקטורן, און מוז געבן מיין הסכּמה ביי דער לעצטער קאָרעקטור, (ב) נישט קיין שום שינויים ביי מיינע טראַנסקריפּציעס. דער אמת איז, כ׳האָב גאָר נישט חושש גיווען וועגן די צוויי זאַכן, נאָר כ׳האָב מיר גיקלערט, ברחל בתּך הקטנה קען נישט שאַטן.

ש׳כּוח פאַר די ידיעות וועגן ייִדיש אין אָקספאָרד. איך האָף, איך וועל זען די דיסערטאַציעס.

ווער איז היינט אין אוק״ל,[*52] וואָס האָט אינטריגירט? און פאַר וואָס? אַ שונא פון ייִדיש? אין מדינת ישׂראל מעג מען, און אין די „תּפוצות" איז אָסור?

איך שרייב בקיצור נימרץ, איר קענט אייך בשום אופן נישט מאַלן, וואָס ביי מיר טוט זיך, און איך וויל וועגן דעם נישט מאַריך זיין.

זייט מיר גיזונט און שטאַרק

אייער

שלמה בירנבוים.

שפּעטער. הוספה: ./.

דערווייל האָט מען מיר גישיקט פון לאָנדאָן אייער באַשרייבונג פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז גידרוקט אינים „קראָניקל". האָב איך גיזען, אַז דער פיר־לייענער איז נישט גיווען קיין אַקאַדעמיקער, ווי איך האָב גימיינט, נאָר גאָר אַ חסיד, אַזש פון סטעמפּפערד היל. מיט אַ טאָג שפּעטער פאַלט פּלוצים אַריין אַן אומגיריכטער גאַסט. איר

*52. UCL = University College London.

וועט נישט טרעפן. דאס איז געווען שמואל היילע. נו, האב איך שוין גיהערט, ווער יענער חסיד איז גיוועזן. (אגב אורחא, פאר דער מילחמה האבן מיר גיוואוינט נישט ווייט פון דער גאס, וואו היילע וואוינט. דאס איז נישט סטעמפערד היל.) איר זאגט דארטן, אז מיין „נעיטיוו" לשון איז פויליש־יידיש. כ־האב גימיינט, איר ווייסט, אז מיין „נעיטיוו" לשון איז דייטש. און דאס יידיש, וואס איך האב אן גיהויבן צו רעדן אין 1908, איז גיוועזן מיזרח־דרומדיק (טשערניוויץ), און אזוי פארבליבן ביז 1930. — בשעת מעשה, ווען היילע זיצט ביי מיר קומט זיינס א בריוו, וואו ער באשרייבט מיר די קאנפערענץ.

שיקט מיך אפ מיין יידישן טעקסט, איך בעט אייך.

ווען איך האב גיארביט אף יענים כ"י זעניך, פארשטייט זיך, נאך נישט גיוועזן קיין קסעראגראפיעס. מן הסתם וועט איר דים פאטאסטאט איבער קערן אף א פאזיטיוו[53].

איך לייג דא אריין א ניי זייטל 5 (צוליב א חילוק פון פיניף יאר, א טעות). צורייסט דאס אלטע בלעטל 5 תומ"י.

ש.ב.

26.1.86

זייט אזוי גוט, שיקט מיר אפ דים פאטאסטאט.

12

26.2.86

ליבער דוד קאץ,

נעכטן אין דער ביבליאטעק, שוין ביים ארוים גיין, דערזע

53. עס גייט די רייד וועגן אַ פאַקסימיליע וואָס בירנבוים האָט צוגעשיקט מיטן רעפעראַט (זע *Origins of the Yiddish Language*, ז. 9).

איך באנד 5 פון דער JLR[54] מיט מיינם אן ארטיקל. ד"ל גאלד האט עס פארלאנגט פון מיר נאך אין יאר 1982. כ־האב עס באלד גישריבן און אים גישיקט. דערביי האב איך גישטעלט א תנאי, אז איך מוז זען אלע קארעקטורן און אויב ער קען נישט באשטיין אף דעם, זאל ער מיר תיכף ומיד אפ שיקן מיין ארביט.

ביז היינטיקן טאג האב איך נישט גיזען קיין איין גיטונקטע פען פון אים.

ער האט גיהאט די חוצפא צו געבן מיין ארטיקל א נייעם נאמין, און נאך דערצו אן אומגילומפערטן. איך ווייס נישט, צי ער האט גיטון נאך אנדערע זאכן, ווייל איך האב נישט גיהאט קיין צייט אריין צו קוקן אפילו א פאר מינוט. ס־קען גידויערן א היפשע צייט, ביז איך קום ווידער אין דער ביבליאטעק.

אפשר האט איר דערווייל שוין גיזען דים באנד. אויב נישט, הערט אוים: מיין ארטיקל דארטן איז „דאווינין", דאס זעלבע, וואס איך האב אייך גישיקט. נישט גיהערט פון גאלדן מער ווי דריי יאר, הייסט עס ער וויל עס נישט דרוקן, און טעמו כמום עמו. און דא זענט איר גיקומין און גיוואלט האבן א רעפעראט. איז דאך גיוועזן ווי אן גימאסטן.

איז אצינד די שאלה: ווילט איר עס דרוקן? אויב יא, וועל איך אריין שטעלן די ווערטער

The publication of this article in the JLR was unauthorised.

זייט מיר גיזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבוים

54. *Jewish Language Review* (Haifa).